d06d17 8

Telephone Murray Hill 2872—9350
ROOM 700

# The American Ort

331 MADISON AVENUE
NEW YORK CITY

LANDSMANSHAFT DEPARTMENT

JUDGE JACOB PANKEN
Chairman
DR. HENRY MOSKOWITZ
Chairman, Executive Committee
MORRIS BERMAN
Treasurer
HERMAN BERNSTEIN
Honorary Secretary
JUDGE EDWARD LAZANSKY
JOSEPH BASKIN
LOUIS B. BOUDIN
DR. SAMUEL ELLSBERG
JUDGE GUSTAVE HARTMAN
B. C. VLADECK
Vice-Chairmen

*Executive Committee*
ABRAHAM BAROFF
IN L. BERNSTEIN
. ANNA P. BOUDIN
CONG. EMANUEL CELLER
MAX CHAFKIN
ROF. A. BRODERICK COHEN
DR. JOSEPH I. DAVIDMAN
ALEXANDER DOLOWITZ
MRS. FLORENCE DOLOWITZ
DR. SAMUEL DOSKOW
H. EHRENREICH
MORRIS FEINSTONE
MEYER GILLIS
S. A. GLUSHANOK
REUBEN GUSKIN
MRS. RAE B. HARRIS
ABRAHAM HERMAN
DR. IDA HERMANN
SIMON HIRSDANSKY
DR. B. HOFFMAN
MAX L. HOLLANDER
ALEXANDER KAHN
I. LADERMAN
COL. HERBERT H. LEHMAN
MURRAY LEVINE
HORACE LONDON
MRS. JEANETTE F. LONDON
LLIAM LOWENSTEIN
RIS MICHTOM
ONON J. MINIKES
MRS. R. PALLAY PANKEN
J. ROBERTS
DR. ELIAS ROBINSON
LEVI ROKEACH
MORRIS ROTHENBERG
REUBEN SCHWARTZ
DR. FANNY SHAPIRO
JUDGE BERNARD SHIENTAG
MRS. FANNIE B. SHLUGER
LOUIS SIEGEL
JUDGE ADOLPH STERN
DR. N. I. STONE
JUDGE MYRON SULZBERGER
ABRAHAM TUVIM
M. TYGEL
Z. TYGEL
BENJAMIN WINTER
S. WOLOS
DR. CHAIM ZHITLOWSKY
MAX ZUCKERMAN
NATHAN ZVIRIN

אקטאבער 9, 1929.

Eing.: 22.10.29
Bearb.: 8105

צענטראל פארוואלטונג
„ארט״ פארבאנד,
בערלין, דייטשלאנד.

זעהר געערטע פריינט,

אלס ענטפער אויף אייער חשוב'ן בריף פון 26טן פ.ח. (6428) האב איך דעם כבוד אייך צו מעלדן, אז איך ווארט מיט דער גרעסטער שפאנונג אויף די צוגעזאגטע פון אייך אויספירליכע דירעקטיוון מכח אונזער אמעריקאנער אקציע.

דעם דאזיגן בריף וויל איך ספעציעל ווידמען דער לאגע אין מיין לאנדסמאנשאפט ארבייט.

איך מוז אייך מודה זיין, אז אין אנהויב פון מיין באשיידענער טעטיקייט האב איך געהאט דעם איינדרוק, אז די לאנדס-מאנשאפט אקציע וועט אננעמען גאנץ אינטענסיווע, ברייטע פארמען און וועט פירן צו ממשות'דיגע, שנעלע רעזולטאטן. איך האב געזען, אז סיי די לייטענדע אידישע פרעסע, סיי אויך טאן-געבענדע אידישע כלל טוער האבן זיך מיט דער אקציע פאראינ-טערעסירט און דעריבער האב איך געהאט די איבערצייגונג, אז מיר וועלן האבן פון דער ארבייט גרויס נחת.

איך בין נאך איצט אין דער מיינונג, אז די לאנדס-מאנשאפט ארבייט קען אננעמען זעהר אינטערעסאנטע פארמען און ברייננגען נוצן אלע געביטן פון אונזער אמעריקאנער אקציע, אבער ליידער מוז איך פעסטשטעלן, אז עס וועט נעמען נאך א געוויסע צייט ביז מיר וועלן האבן מער ממשות'דיגע געלט-רעזולטאטן פון די איינצעלנע לאנדסמאנשאפטן.

די שטערונגען אין מיין ארבייט זיינען פאלגענדע. דער לאנדסמאנשאפט קאמיטעט באשטייט פון זעהר חשוב'ע, זעהר אנגעזעהענע און איבערגעגעבענע מענשן, אבער ליידער זיינען דאס אלץ אויסערסט פארנומענע פערזאָנען.

מיין טשערמאן, מר. בודין האט קיין פרייע מינוט נישט און ביי זיין בעסטן ווילן (און דעם ווילן פארמאגט ער אין א זעהר גרויסער מאס) קען ער נישט אװעקגעבן דער לאנדסמאנשאפט ארבייט מער ווי געציילטע מינוטן אין דער וואך. אחוץ דעם איז פריינט בודין צום באדויערן צו ווייניג פארבונדן מיט דעם אלטעגליכן היגן אידישן לעבן און צווישן די לאנדסמאנשאפטן גופא קען ער כמעט ווי גארנישט אויפטאן. די איבעריגע מיטגלידער פון פרעזידיום, דר. קאראלניק, עדלין, רעוואוצקי, זיינען איצט פארנומען אדער מיט אידישער גרויס-פאליטיק, אדער מיט זייערע פערזענליכע צרות, און דעריבער קומט מיר

אַן זעהר שװער אר״נצוציען ז״ אין דער אלטעגל״בער ארב״ט (אגב זעהר זשמודנער און קל״נל״בער) צװישן די לאנדסמאנשאפטן. פר״נט אַבערמאַן פון פױלישן פארבאנד – נישט ער האט צ״ט, נישט ער האט א״נפלוס.

דר. דובאװסקי איז כמעט דער א״נצ״גער מיטגליד פון פרע־זידיום, װעלכער העלפט מיר צו זעהר טעטיק און ארב״ט פארעלטנעסמע־סיק זעהר פיל. אױך פר״נט מ״ערס קומט צו אונז רעלאטיװ מער אין אונזער ארב״ט. אױף אזױ פיל װעגן פרעזידיום.

װאָס איז ש״ך די „פשוט׳ע" מיטגלידער פון קאמיטעט, באמיה איך זיך ז״ אױסצונוצן אומעדום װי דאס איז נאר מעגליך. ז״ העלפן גערן, אבער ז״ער א״נפלוס איז ל״דער א מינימאַלער.

די צװ״טע שװעריק״ט איז דער פיאַנערן באראקטער פון אונזער ארב״ט. די לאנדסמאנשאפטן קומט אַן זעהר שװער צו ב״טן ז״ער אַריענ־טאציע אין דער פראגע פון העלפן די ה״מאט שטעט. ארום די פאר דאלאר װעלכע װערן מיט גרױס מיה געשאפן, קומט פאר א העפטיגער קאמפף. די עלטערע עלעמענטן אין די לאנדסמאנשאפטן, ספעציעל די פרױען װילן נישט הערן װעגן גרינדן ארטעלן, קױפן מאשינעס ובדומה. ז״ װילן בל״בן ב״ די אלטע מעטאדן פון הילף. שטיצן די „באלניצעס", יתומים־ה״זער, שיקן אױף יום טוב, א.א.װ. צו דעם קומט נאך צו די לעצטע צרה מיט די פאלעסטינער געשעהענישן, װעלכע האט אונז צװ״פאך געשעדיגט:
ב) צוגענומען פיל געלט, אפטמאל די לעצטע פאר גראשן ב״ די לאנדס־מאנשאפטן, 2) איז דער עולם אזױ פארהאסט אױף די היגע קאמוניסטן, אז.. מען איז זיך נוקם אַן רוסלאנד בכלל און מען װיל נישט „בױען פאבריקן און שיקן מאשינעס ק״ן רוסלאנד". װי קאמיש דאס זאל נישט ז״ן, אבער אזעלכע טענות קומט מיר אױס צו הערן בסדר.

דאַן איז אונזער לאנדסמאנשאפט ארב״ט בכלל א מין נ״עס פארן היגן אידישן עולם און עס װעט נעמען א ל״נגערע צ״ט ביז די בר״טערע קר״זן װעלן זיך מיט דעם געדאנק געװױ באקענען.

דערצו קומט נאך צו א״ן װיכטיגע שטערונג. דער געצ״ג קאמפ״ן אפעריר מערסטענט״ל צװישן די זעלבע עלעמענטן װאו מיר קומט אױס צו ארב״טן. עס איז א טעות צו מ״נען, אז דער געצ״ג קאמפ״ן האט צו טאן נור מיט ארב״טער־עלעמענטן. אין ז״ן טעטיק״ט ציט ער אר״ן אלץ און אלעמען, װאס עס לאזט זיך נאר. איך האב געמאכט גרױסע באמיהונגען צו קומען צו א פארשטענדיגונג מיט װלאדעק׳ן װעגן דעם ענין. אבער ל״דער בין איך צו שװאך אל״ן אונזער זאך ב״ אים אױס־צוקעמפפן. איך האב געבעטן די הילף פון דער צענטראל פארװאלטונג, װעלבע האט זיך ל״דער ביז איצט באגרעניצט נור מיט א פריװאט בריװל פון דר. סינגאלאװסקי צו װלאדעק׳ן. דער דאזיגער בריף האט צום באַ־דױערן ק״ן א״נדרוק נישט געמאכט און ק״ן שום ממשות׳דיגע רע־זולטאטן נישט געגעבן.

איצט א פאקטישער באריכט װעגן דער לאגע אין די א״נצעלנע לאנדסמאנשאפטן. איך װעל ז״ פונאנדערט״לן אין דר״ גרופן. די ערשטע איז די װאו מיר האבן שױן געדארפט האבן ממשות׳דיגע רעזול־טאטן.

קודם כל ט״ל איך אױס פון ז״ פאלגענדע דר״:

<u>מינסק</u>- די ארב״ט צװישן די מינסקער פירט אױסשליסליך װלאדעק. איך האב נישט די מינדעסטע מעגליבק״ט אין דער טעטיק״ט זיך אר״נצומישן, װ״ל װלאדעק האלט מינסק פאר ז״ן דאמענע.

<u>באברױסק</u>- אױך דא איז טעטיק װלאדעק, אגב צום באדױערן שװאך טעטיק. װלאדעק האפט, אז ער װעט ארױסבאַקומען פאר באברױסק נאך א ביסל געלט, מינדעסטענס טױזענט דאלאר.

<u>טשאַגאַן</u>- אױף דעם פונקט האב איך געהאלטן פאר נױטיק

איבערצוגעבן וולאדעק'ן, וו"ל גילמאן, דער הויפט מנדב פאר טשאגאן, איז וולאדעק'ס פערזענליכער פר"נט און דער ליפעראנט פון דרוק-פאפיר פארן „פארווערטס".

מ"ן „טעטיק"ט" לגבי די דערמאנטע דרי"/לאנדסמאנשאפטן באשט"ט אין בסדר'דיגן צושטעלן אלע מאטעריאלן וועגן די דערמאנטע פונקטן וולאדעק'ן, צו היטן די פובליסיטי און בסדר'דיגן מאנען וולאדעק'ן, אז ער זאל ענדליך די ארב"ט ערל"דיגן. דערוו"ל האב איך נאר צוזאגן, אבער איך האף, אז וולאדעק וועט דורך ז"ן א"נפלוס און אפאראט דאס ז"ניגע דורכפירן.

איצט „מ"נע" לאנדסמאנשאפטן פון דער ערשטער קאטעגאריע.

<u>פראסקוראוו</u> – די ארב"ט דארט געהט צו כשורה. דער „ארט"-קאמיטעט פון די פארא"ניגטע פראסקוראווער לאנדסמאנשאפטן גר"ט צו מיט אונזער ט"לוו"זער הילף (פובליסיטי און ענגלישע און אידישע צ"טונגען, באזוכן מיטינגען א.א.וו.) א גרויסן באל פארן 2טן נאוועמבער. איך האף, אז נאך דעם באל וועט מיר ז"ן אימשטאנד צו האבן עטליכע טויזענד דאלאר פון דער לאנדסמאנשאפט.

<u>עליסאוועטגראד</u> – אין דער לאנדסמאנשאפט קומט איצט פאר א העפטיגער קאמפף פאר די 1,300$, וועלכע ז" האבן שוין אין ז"ער קאסע. א באד"טענדע ט"ל פון אנגעזעהענע לאנדסמאנשאפט טוער פאדערט רק דוקא, אז מען זאל דאס געלט שיקן פאר פילאנטראפישע צילן. איך לאז נישט דורך ק"ן א"ן מיטינג פון דער לאנדסמאנשאפט. לעצטענס בין איך דארט געווען מיט עדלינען און מיר האבן ב"דע געקעמפט פאר דעם לאזונג פון קאנסטרוקטיווער הילף. איך האב באגרינדעטע האפנונגען, אז מיר וועלן דאס אונזעריגע יא דורכפירן. וואס איז ש"ך די וו"טערדיגע געלדער, וועלן ז" געשאפן ווערן ערשט אין די נאענטסטע פאר חדשים דורך א באל, באנקעט א.א.וו. מיר קענען ערווארטן א ט"לוו"זע אטיגנירונג פון דער דאזיגער לאנדסמאנשאפט אין עטליכע וואכן ארום.

<u>בעלאצערקאוו</u> – קודם כל מוז איך ענטפערן אויף א"ער באמערקונג אין א"ער בריף פון 26טן סעפטעמבער, אז די ידיעות וועגן דער שטאט געפינען זיך אין א געוויסע סתירה צו אנדערע אינפארמאציעס וועגן דעם זעלבן פונקט. דאס איז גאנץ מעגליך, מ" לגבי די לאנדסמאנשאפטן בכלל, ס" לגבי בעלאצערקאוו ספעציעל. אפילו אין מ"נע באריכטן וועגן א"נצעלנע פונקטן וועט איר געפינען פארשידענע סתירות, פשוט צוליב דעם, וואס עס קומען פאר זעהר פיל אונערווארטעטע ענדערונגען. איר האט דא אפטמאל צו טהאן מיט פשוט'ע בלאופערס, וועלכע פארזיכערן א"ך אין אזא פארם און נעמען אן אזעלכע בינדענדע באשלוסן, אז עס פאלט א"ך גארנישט א"ן נישט צו גלויבן. גל. ענדיגט זיך אבער זעהר אפט דערמיט, אז פון די צוזאגן און אפילו אפיציעל עפענטליך אנגענומענע רעזאלוציעס, ~~ענדיגט זיך מיט~~ גארנישט. אליין.

א מאסע ארב"ט האבן מיר אר"נגעל"גט אין בעלאצערקאוו. ספעציעל צוליב דעם וואס אונזער ליבער און טעטיגער מיטארב"טער דר. דובאווסקי האט דאס געפאדערט. מיר האבן ארויסבאקומען פון דעם הויפט מחותן, בענעקוויט'ן, א שריפטליכע פארפליכטונג וועגן טויזענט דאלאר און צוגעצויגן צום בעלאצערקאווער פאל אלע טעטיקע מיטארב"טער פון אונזער קאמיטעט אפילו, מיט פענקינען בראש. דער רעזולטאט איז פארלויפיק זעהר א קל"נער. דה"נו: ב) מיר האבן ענדליך ארויסבאקומען אן אונטערשריפט אויף גילמאן'ס טשעק אויף די 500$ און דעפאנירט דאס געלט אין אונזער קאסע (בענעקוויט האט בשום אופן פריער נישט געוואלט אונטערשר"בן דעם טשעק). מיר האבן א בארעכטיגטע האפנונג אויף צו באקומען נאך 800$ פון דעם פראצעס, וועלבן פענקין פירט מיט לאנדאנען. אגב האלט פענקין, אז דער פראצעס איז א געוואונענער. אזוי ארום קענען מיר פארלויפיק רעבענען נור אויף 1,300$ וו"ל בענעקוויט פארזיכערט, אז ז"נע 1000$ וועט ער געבן נאר אין דעם פאל

ווען מיר וועלן האבן אין אונזער קאסע גאנצע $2,500. אויף דער לעצטער זיצונג פון אונזער פרעזידיום איז באשלאסן געווארן איבערצושיקן פאר־לויפיק די $1,300 ק"ן מאסקווע, אבער בתנאי, אז מאסקווע זאל אונז פריער פארזיכערן, אז מען איז אין בעלאצערקאוו שוין צוגעטראטן צו ארגאניזירן די מעבל ארטעל. וועגן שאפן די ווײטערדיגע $1,200, האבן מיר דא אנגענומען פאלגענדעס: פענקין האט געשריבן בריף און טעלע־פאנירט צו א ר"י פערזאנען, פארלויפיק אבער אן רעזולטאטן. מיר פלאנירן אויך פון דער קינפטיגער וואך אן אנצוהויבן מיט דר. מאסקא־וויץ'ס הילף א ספעציעלן דר"ו צווישן די בעלאצערקאווער. פון דעם אלעם אבער, וואס איך זע דא האב איך נישט דעם איינדרוק, אז מיר זאלן האבן פאר בעלאצערקאוו מער ווי די דערמאנטע $1,300.

<u>סמעלא</u>- דא האבן מיר פארלויפיק ק"ן שום פאזיטיווע נישט. הגם מיר האבן אין <u>דער</u> לאנדסמאנשאפט אר"נגעל"גט א מאסע צ"ט און ענערגי, געשאפן א ספעציעלן קאמיטעט, געהאט עטליכע קאנפערענצן א.א.וו., האב איך דאך נישט די איבערצ"גונג, אז מיר זאלן קענען אין דער נאענטער צוקונפט ארויסבאקומען פון די סמעלער עפעס ממשות'דיגעס. די סמעלער שפילן לגבי אונז א מאדנע פאליטיק. זי" ווילן, אז דער „ארט" זאל זי" צושט"ער געבן עטליכע טויזענט דאלאר און ערשט דאן ווען זי" וועלן די פארזיכערונג (באקומען), זאלן זי" צוטרעטן צו א דר"וו. מיר באמיען זיך זי"ער ווידערשטאנד צו ברעכן. אבער ביז איצט ג"ט דאס ל"דער זעהר שווער.

<u>לאדיז</u> – מעשה לאדיז איז אין דעם איצטיגן צושטאנד ממש א סקאנדאל־יעזער. איך האב דעם איינדרוק, אז דער פארזיצער פון דעם לאדיזער קאמיטעט, פר"נט זוסמאן, האלט נישט פון ק"ן שום פארפליכטונג. ער האט צוגעזאגט נאך דר. סינגאלאווסקי $10,000 און אנגעהויבן ז"ן „אקטיוויטעט" דערמיט, וואס ער האט זיך צוריקגעצויגן פון דער סומע און טענה'ט, אז ער האט גענומען א „פארפליכטונג" נור אויף $5,000. אבער אויך פון דער סומע זעט מען נישט ק"ן גראשן. זוסמאן האלט אין א"ן אפשטופן און האט אפילו נאך נישט גערופן דעם צוגעזאגטן גרויסן מאס־מיטינג, וועלכער האט געדארפט פארקומען אין קארנעגי האל. זוסמאן באל"דיגט זיך אפילו, ווען מען דערמאנט אים. דער קא־מיטעט, וועלכן מיר האבן געשאפן פאר די לאדיזער (מר. אבערמאן און מרס. שלוגער), האט נישט דעם מינדעסטן איינפלוס און איך זוך ערשט א וועג ווי אזוי צוצוקומען צו די לאדיזער, נישט אפשטויסענדיג זוס־מאנען. איך האב געפועל'ט ב"י בודינען, אז ער זאל פערזענליך באזוכן זוסמאנען און ווען דר. מאסקאוויץ וועט מארגן קומען, וועט דער לאדיזער פאל ז"ן צווישן די ערשטע, וועלכע איך וועל מיט אים אויפנע־מען. די פוילישע פעדעראציע קען מיר אין דעם פאל אזוי ווי גאר־נישט צוהעלפן, פשוט צוליב דעם, ווייל קיינער (נישט אויסשליסענדיג די פוילישע גופא), רעכענט זיך נישט מיט דער דאזיגער פעדעראציע. מיר קענען נישט רעכענען אויף געלדער פון די לאדיזער פריער ווי ענדע ה.י. איך האב אגב וועגן דעם געשריבן אויך ק"ן ווארשע.

אויך אין לאדיזער פאל האבן מיר אר"נגעל"גט דא זעהר פיל ענערגי, צ"ט און ארב"ט; פובליסיטי אין די צ"טונגען, איבערגע־שיקט די לאדיזער מאטעריאלן צו די אנגעזעהענע טוער א.א.וו. דער רע־זולטאט איז אבער ל"דער נור דער אויבנדערמאנטער.

<u>וולאצלאוועק</u> – נישט בעסער איז די לאגע אין דער דאזיגער לאנדסמאנשאפט. פון דעם צוזאג וועלכן זי" האבן געגעבן דר. סינגאלאווסקי'ן וועגן $3,000 א יאר אין משך פון עטליכע יאר, האלטן זי" זעהר וו"ניק. דער דר"וו ב"י די וולאצלאווקער וועט זיך אנהויבן ערשט נאך די ימים טובים.

איצט קומען מיר צו צו דער צוו"טער גרופע, ד.ה. צו לאנדס־מאנשאפטן מיט וועלכע מיר שט"ען אין א נאענטן קאנטאקט, אבער וואו אונזער אקטיוויטעט איז פארעלטנעסמעסיק א שוואכערע, ווי ב"י דער ערשטער

גרופע. דאס זיינען פאלגענדע:

אוסמאן – געשאפן אן „ארט"-קאמיטעט און וועלן אין די נאענטסטע טעג באזוכן אונזערע אפיס, כדי געמיינזאם אויסצואַרבייטן א פלאן פאר דעם דר"ו.

טאלנע – די ארבייט ווערט געפירט אונטער דער ליטונג פון דר. דובאוסקי. עס זיינען פאראן בארעכטיגטע האפנונגען צו שאפן עטליבע טויזענד דאלאר. רעזולטאטן ווארשיינליך ערשט ענדע יאר.

ביאליסטאק – געשאפן אן „ארט" קאמיטעט. די ארבייט געפינט זיך ערשט אין א סטאדיום פון אויסארבייטן פלענער. די ליטונג איז אין דר. דובאוסקי'ס הענט.

לאבון– געשאפן א קאמיטעט אונטער דער אנפירערשאפט פון מר. מיערס. דער ציל צו שאפן פון 2 ביז 3 טויזענט דאלאר. דעם 2טן נאוועמבער א ספעציעלער „ארט" מיטינג מיט מין אנוועזנהייט.

מאגילעוו– פארבונדן מיט דער לאנדסמאנשאפט אין שיקאגא. פירן דורך א דר"ו אזוי צו זאמלען 1,200$ אויף א טראקטאר.

אסטראפאל – געשאפן אן „ארט" קאמיטעט. דער דר"ו זאל זיך אנהויבן ערשט נאך די ימים טובים.

טעריפאל – געשאפן אן „ארט" קאמיטעט און פירן דורך א דר"ו פאר עטליבע הונדערט דאלאר.

איצט קומט די דריטע גרופע.

סטאראקאנסטאנטינאוו – שבת דעם 12טן ד.ח. וועט פארקומען א ספעציעלער „ארט" מיטינג.

טימקאוויטש– דאס זעלבע.

טלאנים – פאראן א קאנטאקט. מיר ווארטן אויף מאטעריאלן פון פוילן.

ראדאמיסל – וועלן האבן אן „ארט" מיטינג.

ניעזשין – איצט איז צוריקגעקומען א דעלעגאט פון דער לאנדסמאנשאפט, איינער א מר. אראנאף. ער האט צוגעזאגט אונז צו באזוכן אין די נאענטסטע טעג.

דאס זעלבע האבן צוגעזאגט צו באזוכן די פארשטייער פון דראזשנער און דזיגאווקער לאנדסמאנשאפטן.

פאלגענדע לאנדסמאנשאפטן האבן בכלל נישט געהאלטן פאר נויטיק צו רעאגירן אויף אונזערע מער מאליגע מינדליבע און שריפטליבע מאנונגען: ברוסילאוו, קאפיל, מאידאן, סאמאכוואלאוויטש, באר, שעפעטאווקא, שפאלא, און סקוויר. מערסטענטייל איז עס צוליב דעם וואס די דערמאנטע לאנדסמאנשאפטן האבן נישט קיין שום מעגליבקייטן איצט צו שאפן געלט.

איך האב דא דערמאנט כמעט אלע לאנדסמאנשאפטן וועגן וועלבע איך האב געפונען וועלבע עס איז נישט מאטעריאלן אין אונזער היגן ארכיוו און דעריבער בין איך געוועזן באמיט צו קומען מיט זיי אין א קאנטאקט.

מיר האבן נעכטן געהאט א זיצונג פון פרעזידיום. דעם פראטאקאל פון דער זיצונג וועל איך אייך איבערשיקן אין די נאענטסטע טעג.

מיר זיינען איצט באמיט אין דער ערשטער ריי צו באארבייטן

ווי געהעריג די לאנדסמאנשאפטן, וועלכע זיינען אויסגערעכנט אין
דער ערשטער גרופע. דאנערשטאג דעם קבלן ד.ח. מאכן מיר א מין
גענעראל מאביליזאציע פון אלע מיטגלידער פון לאנדסמאנשאפט דע-
פארטמענט, כדי צו באוועגן אלץ און אלעמען צו א מער אקטיווער
טעטיק"ט אויף דעם געביט.

איך וויל האפן, אז איצט מיט דעם צוריקקומען פון דר.
מאסקאוויץ וועט מ"ן ארב"ט וועזענדליך פארל"כטערט ווערן. איך וועל
ז"ן באמיהט צוצוציען דר. מאסקאוויץ צו דער ארב"ט. איך קוק זיך
אויך ארום וועגן דעם ווער מען וואלט געקענט אויסנוצן פון די
לאנדסמאנשאפטן גופא פאר אונזער אקטיוויטעט.

איך ערווארט א"ערע חשוב'ע ידיעה און פארבל"ב

מיט גרוים דרך ארץ,

ג. זיבערט, פארוואלטער.

ב"לאגעם

נ. ב.
ב"געל"גט וועט איר געפינען א ל"ט ארטיקל, וועלכער איז ער-
שינען אין ה"נטיגן „פארווערטס". איך שיק א"ך אויך אן אויסצוג
פון שיקאגאר „פארווערטס" פון וועלכן איר וועט זיך איבערצ"גן ווי
וו"ט עס גרעניצן זיך די געביטן פון וולאדעק'ס ארב"ט מיט מ"ן
לאנדסמאנשאפט ארב"ט.

ב" דער געלעגענה"ט וויל איך צוגעבן, אז אין דעם אויבנ-
געבראכטן באריכט ז"נען נישט דערמאנט נאך אן ערך א צענדליג לאנדס-
מאנשאפטן מיט וועלכע מיר האבן אויך אנגעקניפט פארבינדונגען.

ג. ז.